י"ד שבט תשל"ט / דעם 11טן פעברואר 1979

חשובער ד"ר בן-נון,

איך דאנק אייך פאר אייער לעצטן בריוו (געשיקט אין אמעריקע אין אויגוסט); אייער בוך איז אנגעקומען בשלום און איך שטודיר עס א סך. אין בריטישן מוזיי האב איך ניט געקענט געפינען אן עקזעמפלאר, האב איך זיי געשיקט א בריוו זיי זאלן עס למען-השם קויפן, האף איך אז זיי וועלן אננעמען דעם פארלייג.

איך שיק אייך דא א פראגעלע איבער א פרט וואס איך האף איר וועט צייט האבן דערויף צו ענטפערן (נאך אמאל, פארזיכער איך אייך אז יעדע מיינונג אדער אינפארמאציע, סיי פון בוך סיי פון א פערזענלעכן בריוו וועט אקרעדעטירט ווערן כדבעי) און אויך פיר אינטערנאציאנאלע פאסטצעטלעך וואס כ'האב בעקויפט אין דער לאקאלער פאסט.

איר דערמאנט (ז' 273) די פעריע לשון-קודשדיקע סגולאטן וואס זיינען אין יידיש אוועק אויפן דרך פונעם צירה (חדר, מלך, פגר, קבר אאז"וו); אויף ווי ווייט ס'איז מיר לעת עתה באקאנט איז נאך ניטא גענוג עווידענץ מען זאל קענען אפפסקענען צי דא ליגן פרע-יידישע גורמים (א סך וואקלעניש אין די סגולאטן צווישן סגול און צירה איז דאך גוט דאקומענטירט אין טבריאנישן לשון קודש גופא, אין פארשיידענע פראשכנזישע כתב-ידן אאז"וו) צי דער ענין וועט זיך קענען דערקלערן דורך גורמים פון דער געשיכטע פון יידיש גופא (למשל אז די פארצירהטע סעריע איז אלטער, שטאמט פון אן אנדער שטח וכדומה).

אויפן מאמענט אבער ארבעט איך איבער א קלענערער פראגע: די נאך קלענערע סעריע וואו ס'איז פאראן וואקלעניש אין יידיש גופא: דערווייל האב איך דאקומענטירט אלטערנאציע אין די לעקסישע איינסן כלב, רווח, שקר (אין א קלענערער מאס אויך הבל און די סעריע פעמינין-פארמען מנוולתטע משומדתטע, צדקתטע א"א) וואו צפון-מזרח יידיש האט דורכויס [ɛ] , ד"ה דער דערוווארטער ענטפערער אויפן פראטא-יידישן [ē̜] (אין אייער סיסטעם) אדער $E_5$ אין מ. ווײַנרײַכס סיסטעם (היות ווי אט דער וואקאל איז אין צפון-מזרח יידיש צוזאמענגעפאלן מיטן לכתחילהדיק קורצן /ע/) בעת גרויסע טיילן צענטראל-יידיש האבן kajləv, rajvəx, šajkər , ד"ה דער דערוווארטער ענטפערער אויפן פראטא-יידישן $\bar{e}^{i}$ אין אייער סיסטעם.

על פי שכל וואלט מען געקענט אויפבויען א טעאריע אז די צענטראל-יידישע פארצירהטע רעאליזאציעס זיינען די עלטערע ווייל די דעוויאציע פונעם קאדיפיצירטן דיקדוק וואלט געווען א היסטארישע דערשיינונג בעת דער איבערגאנג צו א פארסגולטער רעאליזאציע (ד"ה צפון-מזרח יידיש (kejləv, rejvəx, šejkər און צענטראל יידיש kɛləv, rɛvəx, šɛkər

וואלט זיך אפשר געקענט דערקלערן ווי א באוואוסטזיניקע צופאסונג צום קאדיפיצירטן אשכנזישן-לשון קודש ווי א סאציאלאגיש-מאטיווירטער רוק צו פרעסטיזש-פארמען. אזא צוגאנג לאזט אבער איבער א סך פראבלעמען -- פארוואס

האט צפון-מזרח יידיש תמיד סגול אין די וואקאַלנדיקע פארמען? וואו זיינען די גרענעצן אין צענטראל יידיש גופא? דערצו איז גוט באקאנט אינדער היסטארישער לינגוויסטיק אז „פרעסטיזש-פארמען" איז לאו דווקא א טענה --- ס'טרעפט דאך גאנץ אפט אז פארמען פאפולער צווישן די סאציאל נידעריקסטע שיכטן ארבעטן זיך ארויף אין דער כלל-שפראך אריין.

איר דערמאנט (ז' 273) אז מזרח-גאליציש יידיש האט šaika לעבן ייִנגערן šeika וויל איך אייך פרעגן אין שייכות דערמיט:

(א) צי זיינען די ביידע פארמעס דאקומענטירט אין איין און דעם זעלביקן ארט ביי די זעלביקע ריידערס? (די אינפארמאנטן וואס ס'איז מיר דערווייל געראטן צו געפינען האבן בדרך כלל איין פארמע אדער די צווייטע)

(ב) איז די כאראקטעריזירונג ייִנגער געבויט אויף דער הנחה אז די דעוויאציע איז א היסטאריש-יידישע דערשיינונג בעת די סגולטע פארמע איז א שפעטיקע צופאסונג צו לשון-קודש) אדער איז פאראן דערצו עמפירישע עווידענץ (למשל אז אין א געוויסן שטעטל האבן עלטערע לייט גענוצט šaika בעת ייִנגערע האבן זיך באנוצט מיט šeika, אפלאכנדיק פון דער פארמע פון די עלטערע?

(ג) צי זיינען די פארהעלטענישן ביי כלב און רווח ענלעך אינעם שטח וואס איר באשרייבט צו שקר?

(ד) צי איז פאראן א סינכראנישע סאציאלינגוויסטישע סיטואציע וואו אן איבערגאנג פון די צירהטע צו די פארסגולטע פארמעס איז באגלייט דורך א גלייכצייטיקער רעלעקסיפיקאציע (ד"ה אז די ווערטער כלב, רווח שקר, ווערן פארביטן אינעם פאלקס-לשון דורך ניט-סעמיטישע עקוויוואלענטן?)

נו, איך האף אז איך האב אייך ניט צופיל מטריח געווען און איך וויל אייך פארויס ארויסזאגן מיין גרעסטן דאנק פאר אייער צייט און טרחא. איך האף צו האבן דעם כבוד אייך פערזענלעך צו באגעגענען. מיט דאנק און דרך ארץ, בלייב איך אייער